בס"ד

# מיר דארפן צוריק פארפעסטיגן

# די ערי מוקפים חומה

**מאמר השקפה**

פר' ויקהל - פרה

שנת תשפ"ה לפ"ק

מיר גייען אריין אין פרשת ויקהל-פרה.

לטהר טמאים, לטמא טהורים באומר קדוש!

לערנען "פרשת פרה" איז א סוגיא.

זאת חוקת התורה, גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה.

ביקש שלמה לידע סודה של פרה אדומה, אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני.

די מצוה פון פרה אדומה איז עפעס וואס לערנט אונז איבער די דרכי ה' הנסתרות.

עס לערנט אונז אז נישט אלעס פארשטייען מיר, נישט אלעס 'מעגן' מיר פארשטיין, נישט אלעס 'קענען' מיר פארשטיין, און נישט אלעס מעגן מיר אפילו 'וועלן' פארשטיין, מיר זענען אבער עבדים נאמנים למקום, און מיר דארפן טון וואס מיר זענען מחויב צו טון, סיי אויב מיר פארשטייען יא, סיי אויב מיר פארשטייען נישט.

דאס איז שבת פרה.

## לטהר טמאים לטמא טהורים

לאמיר נאר מקדים זיין א דערהער איבער דעם גרויסן שבת, מתורתו של **רבינו מרן הקדוש מסאטמאר זיע"א**, וויאזוי ער האט מסביר געווען דאס ענין פון '**לטהר טמאים לטמא טהורים**'.

ביי שלש סעודות תורה שבת פרה תשט"ו האט דער רבי מסביר געווען דאס ענין וואס מיר זעען ביים חטא העגל, אז ווען דער רבש"ע האט דערציילט פאר משה רבינו ע"ה איבער דעם חטא, ער האט איהם געזאגט "**לך רד כי שחת עמך**", איז משה רבינו נישט געווארן פארלוירן, נאר תיכף ומיד האט ער זיך געשטעלט מעורר רחמים זיין, ער האט זיך איינגעשטעלט, כאטש כביכול האט אים געזאגט שארף '**ועתה הניחה לי**', האט ער זיך גע'עקשנ'ט, און ער האט נישט איינגערוהט ביז ווען עס איז געווען 'וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו'.

דאס צייגט עפעס ווי משה רבינו האט געהאלטן אז אפילו עס האט פאסירט אזא אומגליק ווי דער חטא העגל, איז דאס עפעס וואס מ'קען מוחל זיין, און מען קען צוריק גיין צום סדר היום.

ווידער ווען משה רבינו איז אראפגעקומען צום כלל ישראל מיט די צוויי לוחות אין די הענט 'וירא את העגל ואת המחולות' איז ער פלוצלינג געווארן אויס-מענטש, ער איז געווארן אזוי שארף, אומפארגעבליך, אזוי ווייט אז ער האט פשוט גענומען די צוויי הייליגע לוחות, דאס וואס איז געווען 'מעשי אלקים', און ער האט דאס צובראכן. ער האט פשוט נישט געקענט טרעפן קיין צווייטן מהלך, ער האט נישט געקענט מוחל זיין דעם פארברעך, און 'וישבר אותם לעיניהם'.

וויל זיך פארשטיין אויף משה רבינו, מעיקרא מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר, פארוואס מתחילה איז ער געווען אזוי "ווייך", און צום ענדע איז ער געווארן אזוי שטרענג צו די אידן.

זאגט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע אז דא שטעקט איין זאך, משה רבינו האט זיך נישט פארלוירן ווען ער האט געהערט אז אידן זענען דורכגעפאלן מיט'ן חטא העגל, יודע צדיק נפש בהמתו, בפרט ווען דער רבש"ע האט אים געזאגט "**כי שחת עמ"ך**", האט ער פארשטאנען אז די ערב רב וועמען ער האט מקרב געווען האט דא אנגעווירטשאפט א מערכה וואס ער וועט זיך דארפן ספראווען דערמיט, און ער איז גרייט געווען דערויף, ער האט דאס נישט געזען אלס עק-וועלט.

אבער פון די צווייטע זייט איז משה רבינו געווען זיכער אז אין דער צייט וואס די ערב רב טוט דאס זייעריגע, טוען ערליכע אידן דאס זייעריגע. די ערב רב מאכט אן עגל און ערליכע אידן הייבן אויף א קול מחאה, און דאס עשיית העגל גייט צו מיט שטורמישע פראטעסטן דערקעגן.

קול מלחמה במחנה.

יא, אז אידן מאכן אן עגל ח"ו איז נישט עק וועלט, בתנאי אז פון די צווייטע זייט שטייען ערליכע אידן און זיי שרייען און זיי זענען מוחה דערקעגן מיט א הייסע קול מחאה.

**די חומה בצורה ארום די שטאט פארזיכערט די 'כשרות' אין שטאט, זי פארזיכערט די 'חומת הצניעות' אין די שטאט, זי האלט אינדרויסן אלע משחיתים און אלע חולי נפש ורוח, און יעדעס מאל וואס עס איז געווען א פירצה קלה אין די שטאט אין סיי וועלכע געביט, איז זי תיכף ומיד ארויסגעפירט געווארן מחוץ לחומה.**

ווען משה רבינו האט צו זיין גרויס וויטאג געזען "קול ענות אנכי שומע, וירא את העגל והמחולות", ער זעט דעם עגל, ער זעט מ'טאנצט מיט מחולות ארום דעם עגל.

און שבט לוי?! וואו זענען זיי?!

די ערליכע אידן, די צדיקים וועמען עס דארף אזוי וויי טון דעכר כבוד שמים המחולל, פארוואס הערט מען נישט זייער קול?!

אה, זיי זיצן אין ביהמ"ד און זענען זיך מחזק בלימוד התורה. אנשטאט ארויסצוגיין אויף די גאסן שרייען און לוחם זיין קעגן דעם חטא העגל, נוצן זיי אויס די צייט אויף התחזקות אין לימוד התורה.

אה, דאס האט ער שוין נישט געקענט דערהייבן, און דאס האט גורם געווען אז משה רבינו זאל מחליט זיין אז עס איז כלו כל הקיצין.

"אויב זענען נישטא קיין ערליכע אידן וואס לויפן אין די גאסן שרייען און לוחם זיין קעגן דעם חטא העגל, איז נישטא קיין תורה". האט משה רבינו גענומען "די הייליגע לוחות" – די לוחות וואס ער האט זיך נארוואס געענדיגט אויסוויינען אין הימל אז דער רבש"ע זאל אים לאזן נעמען די לוחות און מוחל זיין פאר די אידן – 'וישבר אותו לעיניהם', דער גוטער מנהיג ישראל, דער געטרייער רועה הצאן האט נישט קיין צווייטע ברירה און ער האט צובראכן די לוחות.

**ללמדינו בא, אז ווען מען מאכט אן עגל דארף מען זען א קול מחאה!**

ווען מען איז מחלל שם שמים בראש כל חוצות איז נישט דער וועג אז שבט לוי זאל זיך באהאלטן אין די בתי מדרשים! אויב די רשעים שרייען אויס זייער כפירה בראש כל חוצות, דאן זענען די ערליכע אידן אויך אינדרויסן בראש כל חוצות, און דער קול מלחמה ווערט געהערט לכל הפחות אויף די זעלבע טענער ווי דער קול פון די מחללי שם שמים.

אין די דערמאנטע תורה שמועסט דער רבי זי"ע אויס אז דער חטא העגל האט גורם געווען ספיקות ביי אידישע קינדער. אידן זענען דאך געווען שטיל, זיי האבן שטילערהייט אבזערווירט דעם מצב, זיי זענען געווען נייגעריג אויף די אנטוויקלונגען, און זיי האבן געטראכט 'אפשר יא?', אט די הרהורים פון די ערליכע אידן איז געווען דאס ארגסטע, דאס האט אריינגעגעבן א כח אינעם עגל, און דאס האט אריינגעשלעפט נאך און נאך אידן צו די עבודה זרה.

אויף אזוי ווייט, אז ווען נישט דעם וואס ביי ערליכע אידן איז דא שלעכטע הרהורים, וואלט דער עגל אליין געקענט זיין א בחינה פון '**לטהר טמאים**'! דאס אז ערליכע אידן האבן געהאט א טייל דערין, דאס האט גורם געווען אז עס זאל ווערן דוקא א '**לטמא טהורים**'.

לויט דעם קומט אויס אז די ערליכע אידן האבן גאר געהאט א גרעסערן חלק אינעם חטא העגל ווי די ערב רב, ווייל די רשעים וואלטן קיינמאל נישט געקענט אריינקומען צווישן כלל ישראל, זיי וואלטן קיינמאל נישט געקענט אריינברענגען זייער גיפט, נאר ווייל ערליכע אידן האבן נישט מוחה געווען, נאר ווייל עס איז געווען א מציאות אז די שלעכטע מחשבת זאלן זיך טרעפן א מקום צווישן ערליכע אידן, דאס האט געגעבן כח פאר די עבודה זרה, און דאס האט גורם געווען דעם גאנצן חורבן.

דאס איז דער סוד פון "**לטהר טמאים לטמא טהורים!**"

**יא יא, וויינט, וויינט, שעמט אייך נישט טייערע ברודער, לאזט טרערן, עס איז דא אויף וואס צו וויינען. מיר האבן אויף וואס צו וויינען, מיר האבן מיט וואס זיך צו שעמען, עס איז אונזער חרפה, אונזער שאנדע, אונזער שמערץ, אוי נא אמרה רקת כי אבדה כלי חמדתה.**

**וויליאמסבורג היינט איז נישט דאס וואס זי איז געווען נעכטן.**

## קול מלחמה במחנה

יא, מיר זענען שוין ביי פרשת פרה.

מיר האבן נארוואס געענדיגט לערנען פרשת כי תשא, וירא את המחולות וישבר אותו לעיניהם.

יא, *קול מלחמה במחנה*.

עס איז ליידער א מצב מלחמה.

די ציוני'סטן האבן באנייט זייער מלחמה קעגן די אראבער אין עזה.

דאס איז ביי אונז נישט קיין נייעס, דאס איז עפעס וואס דרייט זיך אזוי אכציג יאר, מלחמה... שלום-שטילשטאנד... געבראכן דעם הסכם... ווידער מלחמה... ווידער שטיל... וחוזר חלילה, און מיר ווייסן שוין וואס צדיקים האבן געזאגט נאך בעפאר די מדינה "דארט וועט קיין שלום קיינמאל נישט זיין". – און דער מלחמה-אפשטעל-מלחמה צירקל האט שוין געקאסט אזויפיל ביטערע קרבנות נעבעך, ה"י.

דאס איז א מציאות וואס איז נראה לעינים.

קול מלחמה במחנה.

היינטיגן דינסטאג איז אויך א גורל'דיגער טאג פאר יהדות ענגלאנד, ווען דער 'חוק החינוך' וואס איז א סכנת שמד פאר'ן ענגלישן אידנטום דארף אריבערגיין אינעם פארלאמענט. אוי, וויפיל טרערן, וויפיל מלחמות, וויפיל מסירות נפש.

לאנדאנער אידן זענען מתפלל להעביר את רוע הגזירה, און בו בזמן בעטן זיי לחיי מרנן ורבנן, אז עס איז שורה בתוכם 'דער לעצטער לייב' פון דור העבר - א דור וואס איז שוין נישטא בתוכינו - הגאון הגדול רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ראש ישיבה הרמה וואס מיט זיין לבו לב הארי שרייט ער אויס דעם פארצייטישן געשריי פון רבותינו הקדושים אין ירושלים עיה"ק מיט 80 יאר צוריק, ווען זיי האבן לוחם געווען פאר זייער עקזיסטענץ.

ניו יארקער אידן זענען נישט וויניגער באזארגט, די גזירת החינוך ווערט נאר שווערער, דער שטריק ווערט פארשטייפט ארום דעם האלז, און די גזירות זענען זיך מתגבר כסדר. נאך א מוסד, און נאך א מוסד ווערן געסטראשעט דורך די ממשלה אז זיי קענען נישט אנגיין ווייטער. און מ'דארף אסאך תפילות ותחנונים להעביר את רוע הגזירה.

## קול ענות אנכי שומע - וירא את המחולות

אבער, מיר זענען געוואוינט צו 'קול מלחמה'.

מיר זענען מלומדי מלחמה, און מיר האבן א מסורת אבות וויאזוי זיך צו שלאגן ווען עס קומט צו מלחמות קעגן די וואס ווילן אונז שטערן פון אונזער אידישקייט, פון אונזער מסורה.

עס איז אבער דא א נקודה ווען מיר ווערן צובראכן אויף שברי שברים.

ניין, מיר האבן נישט קיין מסורה דערויף, מיר זענען נישט מלומדים ווי אזוי זיך צו פארמעסטן מיט די צרה.

"**וירא את המחולות**".

עס איז שווער צו רעדן, און עס איז שווער ארויסצוזאגן מיט'ן מויל, אבער עס איז אסאך שווערער צו שווייגן.

ליידער ליידער, כסדום היינו, כעמורה דמינו, לעג וקלס לסביבותינו.

דער פארגאנגענער מוצש"ק לסדר "וירא את המחולות, וירא את העם כי פרוע הוא, לשמצה בקמיהם" שנת תשפ"ה - ולמספרם 2025 - ברחובות וויליאמסבורג.

"**מחנה אלקים**" האט אראפגעלאזט דעם קאפ מיט אומבאשרייבליכע צער און ווייטאג. "**מחנה מגושמים**" האט אויפגעהויבן דעם קאפ מיט שטאלץ, 'זה היום קיווינו לו'.

יא יא, "**וירא את המחולות**" די עיר ואם בישראל, די הייליגע שטאט וואס נאנט צו אכציג יאר איז זי געווען דער סימבאל און גלאנץ פון דעם אמאליגן איבערפלאנץ פון חורבן אייראפע, "וויליאמסבורג", איז געפאלן.

יא יא, וויינט, וויינט, שעמט אייך נישט טייערע ברודער, לאזט טרערן, עס איז דא אויף וואס צו וויינען. מיר האבן אויף וואס צו וויינען, מיר האבן מיט וואס זיך צו שעמען, עס איז אונזער חרפה, אונזער שאנדע, אונזער שמערץ, אוי נא אמרה רקת כי אבדה כלי חמדתה.

וויליאמסבורג היינט איז נישט דאס וואס זי איז געווען נעכטן.

מיר זענען צובראכן און פארשעמט, מיר זענען פארוויסטאגט, מיר ווייסן נישט וואו מיר זאלן זיך אהינטון פאר צער און פאר בושה און ווייטאג.

"כי פרוע הוא, לשמצה בקמיהם".

"**וויליאמסבורג**" איז די שטאט וואו מרן רבינו הק' מסאטמאר זלה"ה האט זיך באזעצט מיט 79 יאר צוריק און דארט מחזיר געווען עטרה ליושנה. "**וויליאמסבורג**" איז די שטאט וואס רוב רובם פון די פארצייטישע גדולי ישראל, רבנים, ראשי ישיבה, מרביצי תורה, פון דער אלטער היים האבן דא מייסד געווען זייערע קהילות און ישיבות, און זי איז במשך די יארן פארוואנדלט געווארן אין א 'סימבאל' וואס מאנכע האבן באצייכנט אלס 'ירושלים דאמעריקע'.

יעדע דבר שבקדושה אין אמעריקע האט זיך אנגעהויבן אין וויליאמסבורג. יעדע קהילה, מקוה, בית המדרש, הכשרים, יעדע ווארמקייט, יעדע עמידה על דבר שבקדושה, אלעס זענען געווען די וויליאמסבורגער רבנים, די התאחדות הרבנים, די וויליאמסבורגער אידן, די וויליאמסבורגער בחורים, און אפילו די איידעלע געשעפטן. אין וויליאמסבורג האט מען נישט געקענט קויפן קיין בגדי פריצות, אין וויליאמסבורג האט מען נישט געקענט קויפן קיין טמא'נע צייטונגען, אין וויליאמסבורג האט נישט געקענט אריינקומען קיין שום דבר בלתי טהור. וויליאמסבורג איז געווען א ביישפיל פאר יעדע פרט אין אידישקייט וואס האט זיך נאר אויסגעפעלט במשך די לעצטע יארן.

"**וויליאמסבורג**" איז אלעמאל געווען א נאנטער געאגראפישער שכן מיט 'מאנהעטן', מיט 'קראון הייטס', און מיט 'בארא פארק', אבער דאס שכינות האט נישט געמיינט אסאך, 'וויליאמסבורג' האט טאקע נישט געהאט קיין עירוב אבער זי איז געווען אן 'עיר מוקף חומה', יא, זי האט געהאט אן אומזעבארע חומה, קיינער האט נישט געוואוסט גענוי וואו איז די חומה, מ'האט דאס נישט געזען מיט די אויגן, אבער מען האט דאס געשפירט אין אלע ביינער.

אמת, די חומה האט זיך גערוקט כסדר, אויב אמאל זענען די גרעניצן געווען דיוויזשאן ביז העיווארד, האט זיך די וויליאמסבורגער חומה מיט די יארן פארברייטערט פי כמה צו גאר ווייטערע גרעניצן.

"וויליאמסבורג" איז אבער נאך אלץ געווען א מושג, א באגריף, א געפיל, עפעס וואס לאזט זיך נישט אראפגעבן מיט ווערטער, ווייל דאס איז א מושג וואס יעדע הארץ און נשמה האט געשפירט טיף טיף.

## יום גבר האויב ותבקע העיר

"אוי, ווי ווייטאגליך, אוי ווי שרעקליך איז דאס צו זאגן "וויליאמסבורג איז אמאל געווען...".

עס שפירט זיך ווי מ'שטייט ביי א לוי' און מ'זאגט דברי הספד אויף אן עיר ואם בישראל, וואס אירע כוחות הקדושה כהיום הזה זענען נאך ווייט נישט אוועק צו מאכן. א שטאט פול מיט ערליכע קהלות און בתי מדרשים, וואו דער קול תורה ועבודה הילכט נאך אלץ אפ אין אזויפיל ווינקלען. אזויפיל טויזנטער און טויזנטער משפחות יראים ושלמים וואס זענען א שטאלץ פאר די גדולי הדור הקודם און שטרעבן צו גיין אין זייערע וועגן.

ניין, ניין, "וויליאמסבורג איז געווען, און וויליאמסבורג וועט בלייבן הייליג ביז משיח'ס טאג".

געוויס ווי די מחולות ביים עגל האט נישט מבטל געווען כלל ישראל, וועלן די עגל-מחולות אין וויליאמסבורג וועט אויך נישט מבטל זיין די 80 יעריגע קדושה פון אונזער הייליגע שטאט.

אבער... אם החרש תחרישי לעת כזאת?!

איז דען א שאלה אז די חומה איז געפאלן?! איז דען א שאלה אז יעדע טאטע מאמע אין וויליאמסבורג דארף היינט ציטערן איידער מ'לאזט ארויס א קינד פון שטוב, ווער ווייסט וואספארא פגעים רעים ומרעין בישין עס קענען זיך אנרוקן אויף אונזערע גאסן?!

איז דען א ספק אז די שטאט איז היינט אן עיר פרוצה, זי האט נישט קיין חומה, זי האט נישט קיין שומר, עס איז נישטא קיין שום בעל אחראי וואס זארגט זיך פאר די שטאט שלא יבא הפורץ אל גבולינו.

## הקדים רפואה למכה

טויזנטער אידן איבער אלע טיילן פון ניו יארק, האבן זונטאג אינדערפרי - שושן פורים המשולש - געווארפן דעם זעלבן חידוש.

הונדערטער מוחות איבער אלע וועלט-טיילן האבן געזאגט דעם זעלבן בליץ:

**"הצלת קרית יואל תענית אסתר תשפ"ה, איז די תשובה צום שרעקליכן מוצאי שב"ק אין וויליאמסבורג".**

ווער עס האט נישט פארשטאנען די שווערע סענסיטיווע מערכה וואס קרית יואל האט געפירט אין די לעצטע תקופה פאר איר עקזיסטענץ, האט דא באקומען א קלארע תשובה!

ווען מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה האט געזאגט "ווען נישט קרית יואל האב איך גארנישט אויפגעטון אויף דעם עולם", האט ער טאקע דאס געמיינט.

יא, דער צדיק הדורות, דער רבן ומושיען ומצילן של ישראל, דער בונה ומקים כלל ישראל נאכ'ן ביטערן חורבן, איז קיינמאל נישט געווען צופרידן פון אלע זיינע פעולות עלי אדמות ביז ווען ער וועט האבן אן אייגן שטעטל מחוץ לעיר.

עס זענען געווען תמיהות, עס זענען געווען קשיות, עס זענען געווען טענות, און אפילו אמת'ע און לאגישע, דעם רבי'נס נאנטע און היימישע מענטשן האבן געהאט אויסצוזעצן קעגן דעם שטעטל,

אבער דער צדיק און מנהיג ישראל האט זייער קלאר געוואוסט וואס ער וויל.

ער האט געוואלט אויפשטעלן א "עיר מוקף חומה".

ער האט געוואלט אויפשטעלן א שטאט מיט אחריות, ער האט געוואלט אויפשטעלן א שטאט מיט א פאראנטווארטליכקייט, ער האט געוואלט אויפשטעלן א שטאט מיט אן 'עירוב תחומין'.

"א שטאט וואס האט א טאטע", א שטאט וואס ווען א פארברעכער ברעכט זיך איין ווערט ער גענומען צו פאראנטווארטליכקייט.

לאמיר זיין אפן, אמת'דיג און קלאר.

ווי מיר האבן שוין ארויסגעברענגט אין אונזערע מאמרים אין די לעצטע וואכן. די שטאט קרית יואל האט 'א טאטע'.

עס איז נישט קיין סוד, עס זענען דא חילוקי דיעות אינערליך, עס זענען דא מיינונגס פארשידנהייטן, אבער דאס קען קיינער נישט לייקענען אז "יעדער תושב קרית יואל שלאפט רואיג ביינאכט, ווייל זיי ווייסן אז עס איז דא ווער עס שלאפט נישט ביינאכט"...

דאס אז אין קרית יואל איז 'נאכט א נאכט', דאס אז געשעפטן זענען פארמאכט, דאס אז גרופעס קענען זיך נישט פארזאמלען אין די ווינקלעך, עס איז בסייעתא דשמיא נישטא קיין התחלה פון פירצות באישון לילה, דאס אלעס איז ווייל עמיצער שטייט דערויף בעינא פקיחא. א מרא דאתרא. א כח הנהגה באגלייט מיט סיעתא דשמיא פון העכסטן פארנעם.

דאס אז קרית יואל איז באהיטן פון די אומצאליגע משחיתים, פורצי גדר, כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש, איז צו פארדאנקען אז עס זענען דא געשטעלט ממונים, א ריזיגער וועד "חומת העיר", א הייליגע ארגאניזאציע - וואס איר בודזשעט האלט היינט ביי "מיליאן דאלאר א יאר" מיט אזויפיל אומצאליגע פעולות לטובה - אלעס כדי צו האלטן די שטאט הייליג און ריין, און אפהאלטן יעדע פגע רע און משחית לבא אל בתינו.

אמת, קיינער איז נישט פארזיכערט, קרית יואל ווייסט אויך אז די סטרא אחרא דארף נישט קיין פאספארט אריינצוקומען אין די שטאט, און מיט די נסיונות פון 2025 פאסירט דא און דארט גענוג עגמת נפש. אבער... אין די שטאט קרית יואל איז אבער דא ווער עס נעמט אן אחריות פאר א דורכפאל.

**אלע עסקנים פון סיי וואו אימער און סיי ווער אימער וואס האבן זיך באזעצט אין קרית יואל, ווען עס קומט צו א מאמענט פון 'עמידה על משמרת הקדושה ושמירה על החומות', קומען זיי אלע אריבער צום זעלבן אדרעס, צום זעלבן שומר, און זיי בעטן דארט הילף אן קיין שום פראבלעם. ווייל יעדער ווייסט וואו און ווער עס טוט וואס עס דארף געטון צו ווערן אז 'קרית יואל' זאל זיין און בלייבן א הייליגע שטאט.**

ווען עס פאסירט ח"ו א מכשול אין די שטאט - אפגעזען אין וועלכן ביהמ"ד דער יונגערמאן דאווענט, און וואו ער קויפט זיינע מצות און פלייש - איז דא א כח הנהגה וואס וועט נישט שלאפן, און וועט נישט רוען ביז ווען די משחיתים ווערן 'אראפגענומען פון ראוד', און די גאסן זענען ריין.

אין קרית יואל איז דא ווער עס נעמט אחריות אויף יעדע פראבלעם, און באגלייט יעדע מכשול. און עס איז דא ווער עס לאזט זיך קאסטן די אלפים ורבבות דאס צו פארזיכערן.

ובמאמר המוסגר יאמר: אלע עסקנים פון סיי וואו אימער און סיי ווער אימער וואס האבן זיך באזעצט אין קרית יואל, ווען עס קומט צו א מאמענט פון 'עמידה על משמרת הקדושה ושמירה על החומות', קומען זיי

אלע אריבער צום זעלבן אדרעס, צום זעלבן שומר, און זיי בעטן דארט הילף אן קיין שום פראבלעם. ווייל יעדער ווייסט וואו און ווער עס טוט וואס עס דארף געטון צו ווערן אז 'קרית יואל' זאל זיין און בלייבן א הייליגע שטאט. ודי לחכימא.

דאס איז די "חומות העיר שע"י קהל יטב לב" - די ידא אריכתא פונעם מרא דאתרא קדישא הדין שליט"א - מיט אירע מערערע פיליאלעס וואס שטייען כסדר על המשמר מיט די פולסטע אחריות.

דאס איז וואס יעדער אחריות'דיגער טאטע פארשטייט, יעדער ערליכער איד פארשטייט דאס, און יעדער וואס איז קובע משכנו אין קרית יואל והגלילות פארשטייט דאס חשיבות פון א "עיר מוקף חומה".

דאס האט דער רבי ז"ל אזוי געוואלט און געשטרעבט, ווייל ער האט געוואוסט אז נאר מיט אן אייגענע שטאט וועט ער קענען האלטן אן אחריות און א קאנטראל קעגן די ביטערע גאס, און קעגן די שרעקליכע פירצות.

## על חומותי"ך הפקדתי שומרים

טאקע אט דאס איז געווען די סיבה פון די רגשי שמחה וואס האט ארומגענומען אזויפיל ערליכע אידן פארגאנגענעם תענית אסתר אינדערפרי, ווען עס איז באקאנט געווארן די בשורה אז כ"ק אדמו"ר מוויזניץ-וויליאמסבורג שליט"א האט מודיע געווען פאר כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א אז ער האט מוותר געווען אויף די גרויסע פלענער וואס זענען שוין אנגעגרייט געווארן לטובת זיינע חסידים, און ער האט אויפגעגעבן אויף א שכונה וואס בויט זיך בתוככי קרית יואל, ווייל ער האט פארשטאנען די נקודה אז מיט'ן אריינברענגען א 'קהילה בתוך קהילה' ווערן געבראכן די שטאט'ס חומות.

**עס האט פאסירט א פירצה נוראה אין די שטאט וויליאמסבורג, נורא נוראות, קדושת העיר איז נתחלל געווארן מיט מעשי סדום ברחובות קרי', ווער איז נישט געשלאפן ביינאכט וועגן די מעשה?! ווער שטעלט זיך ארויס און זאגט "איך בין אחראי! עלי ועל צווארי אז דאס וועט נישט מער פארקומען?! אויף וועמענ'ס קאפ ברענט דאס היטל צו מתקן זיין תקנות אין די שטאט און אויסגעבן אלפים ורבבות אז דאס זאל זיך נישט איבער'חזר'ן נאכאמאל?!**

קרית יואל איז אן 'עיר מוקף חומה' בנשיאות דעם סאטמארער רבי שליט"א!

וויזשניץ וועט אי"ה בויען אן אייגענע 'עיר מוקף חומה' בנשיאות דעם וויזשניץ-וויליאמסבורגער רבי שליט"א!

עס זענען געווען מאנכע וואס האבן נאך ערב פורים נישט פארשטאנען דעם פראבלעם פון 'קדירא דבי שותפי', זיי האבן פארשטאנען 'אדרבא, יגדיל תורה ויאדיר', זאלן זיך פאראייניגן אלע קהילות בישראל, זאל זיין 'שומרים לבקר', מערערע שומרים, מערערע קהילות קדושות, מערערע מנהיגים, 'דאס וועט זיין פיל בעסער און שטארקער'.

לײדער, דער שווארץ-היסטארישער מוצש"ק לס' "וירא את המחולות תשפ"ה" אין סאמע צענטער פון וויליאמסבורג המעטירה האט געגעבן די תשובה אין פרצוף פון די שאינו יודע לשאול'ס, וואס פארשטייען נישט קיין א' ב', די וואס וואונדערן זיך נאך וואס עס איז דער פראבלעם פון אן עיר פרוצה וואס האט נישט קיין אחראי.

עס פרעגט זיך די שאלה:

עס האט פאסירט א פירצה נוראה אין די שטאט וויליאמסבורג, נורא נוראות, קדושת העיר איז נתחלל געווארן מיט מעשי סדום ברחובות קרי', ווער איז נישט געשלאפן ביינאכט וועגן די מעשה?! ווער שטעלט זיך ארויס און זאגט "איך בין אחראי! עלי ועל צווארי אז דאס וועט נישט מער פארקומען?! אויף וועמענ'ס קאפ ברענט דאס היטל צו מתקן זיין תקנות אין די שטאט און אויסגעבן אלפים ורבבות אז דאס זאל זיך נישט איבער'חזר'ן נאכאמאל?!

**אין די הייליגע שטאט קרית יואל איז ברוך השם יא דא ווער עס נעמט אחריות – דער אויבערשטער זאל אונז ווייטער באהיטן, אבער די ביז איצטיגע גדרים וסייגים, די פעסט געבויעטע חומות ארום די שטאט זענען סאך שטארקער פון דעם – און ווען עס פאסירט א מכשול איז דא ווער עס וועט טון כל מה שביכלתו אז דאס זאל נישט קענען מער פארקומען.**

די חומה בצורה ארום קרית יואל פארזיכערט די 'כשרות' אין שטאט, זי פארזיכערט די 'חומת הצניעות' אין די שטאט, זי האלט אינדרויסן אלע משחיתים און אלע חולי נפש ורוח, און יעדעס מאל וואס עס איז געווען א פירצה קלה אין די שטאט אין סיי וועלכע געביט, איז זי תיכף ומיד ארויסגעפירט געווארן מחוץ לחומה.

די לעצטע יאר-צוויי איז געווען געוואג מציאות'ער נראים לעינים וואס האבן דאס באשטעטיגט קליפ און קלאר, און געשיקט ווייט גרייכענדע מעסעדזשעס אז דעם עיר מבצר קען מען נישט אזוי לייכט איינברעכן.

אזא חומה טאר מען נישט צורירן!!!

## איש על מחנהו ואיש על דגלו

**אשריכם מנהיגי ישראל!**

די ווערטער הערט מען פון ערליכע אידן איבעראל איבער די וועלט.

ערנסטע אידן האבן פארשטאנען אז די בקשה פון די קהילה קדושה אין קרית יואל אז "לאזט אונזערע גרעניצן אומבארירט", איז גאר אן ערנסטע און גאר א הייליגע.

דער וויזשניץ-וויליאמסבורגער רבי שליט"א האט דאס קלאר געזאגט פארגאנגענעם שושן פורים פאר'ן סאטמאר-וויליאמסבורגער רב שליט"א אז ער האט דאס פארשטאנען אויף די ערשטע מינוט ווען די בקשה איז אנגעקומען צו אים, און ער האט דאס געוואלט אויספירן תיכף ומיד, נאר מ'האט געדארפט מסדר זיין אלע זייטיגע נקודות וואס זענען אונטערגעקומען אונטערוועגנס, וואס דאס האט פארשלעפט דעם ענין מיט עטליכע וואכן.

בעזר ה' איז דאס א איינמאליגער מעסעדזש פאר אלע קהילות קדושות בישראל:

**נהרא נהרא ופשטי', יעדער זאל מצליח זיין, יעדער זאל וואקסן ימה וקדמה צפנה ונגבה, אבער יעדער זאל זיך מסדר זיין אין אן אייגענע אחריות'דיגע ווינקל.**

עס זענען ליידער נאך דא אפרוחים וואס פארשטייען נישט, און ווארשיינליך וועלן זיי קיינמאל נישט פארשטיין. זיי זענען יונגע קינדערלעך, אנע שכל, אנע מידות, אנע הדרכה והשקפה, צווישן זיי אויך מושחתים אן קיין שום ערנסטקייט, וועלכע טראגן נישט דאס מינדסטע אחריות פאר'ן ציבור און פאר'ן כלל, און זיי ווילן מיט אלע כוחות מאנעווורירן דעם עתיד פונעם רבי'נס ירושה, ווייל אזוי לוינט זיך פאר זייערע פריוואטע אינטערעסן.

זיי וועלן זיך נאר כאפן ווען דער מציאות וועט זיי פאטשן אין פנים, און זיי וועלן אליין צאלן דעם פרייז וואס זייערע פארגייער האבן געצאלט.

די מוזן אבער שפירן אז זיי ווערן אויסגעשפיגן מן המחנה, זיי דארפן שפירן פון זייערע חברים אז זיי זענען נישט אקצעפטירט, אז ווער עס טוט סיי וואס אימער צו צוברעכן דעם רבי'נס הייליגע ירושה, ווערט אויסגעשפיגן און געשטעלט מחוץ למחנה.

טייערע ברידער!

איין פאטש דארף אונז זיין גענוג צו כאפן דעם מעסעדזש!

עס איז גענוג!